# כל ישׂראל שרײַט

עס מעגן זיך ברידער קריגן,
שׂונאים זײַן, דאַכט זיך, ביזן טויט,
דאָך קיינמאָל אין אמתן
וויל אַ ברודער אַ ברודער זען אין נויט.

אַזוי איז אויך דאָס פֿאָלק ישׂראל.
אָפֿט פֿירן זיי צווישן זיך קריג,
מען רײַסט זיך, מען שלאָגט זיך,
מ׳דראַפּעט זיך ווי קינדער אין וויג.

יעדער וויל זײַן דער פֿירער,
דער טוער, וואָס איז גערעכט,
שלעפּט יעדער צו זיך באַזונדער
און טענהט, אַז דער אַנדערער איז שלעכט.

מען רײַסט זיך איבער פּאָליטיק
איבערהויפּט צוליבן שטיקל ברויט
מען רײַסט זיך, מען איז דאַכט זיך
שׂונאים אויף לעבן און טויט.

דאָך ווען ערגעץ אין וועלטלעכן ווינקל
אַ גליד פֿון ייִדנטום לײַדט,
מוראדיק הערט זיך אַ שטימע —
כל ישׂראל שרײַט